

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
רבי אביגדור מיללער זצ"ל
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

בהעלותך
תשפ"ב לפ"ק
גליון רכ"ד

## פראגע

**וואס איז פשט פון די גמרא** (תענית י"א.) **וואס זאגט אז א נזיר טוט אן עבירה, ווייל ער שיידט זיך אפ פון די הנאות פון די וועלט?**

## ענטפער:

**עס** איז דא א מימרא אין די גמרא אז א מענטש וואס ווערט א נזיר זינדיגט קעגן זיין קערפער און ער דארף ברענגען א קרבן צו מכפר זיין דעם זינד. מיר וועלן עס ערקלערן ווי פאלגענד:

לאמיר זאגן עס איז דא א פארפאלק, א מאן און א פרוי, און זי איז איבערוואגיג. דעריבער באשליסט זי אז זי וויל פארלירן וואג, און דערפאר דארף זי און איר מאן אנהייבן א דיעטע.

דער מאן זאגט אבער "וואס בין איך שולדיג אז דו ווילסט פארלירן וואג?! וועגן דעם דארף איך פאסטן?"

זאגט זי, "איך קען מיך נישט העלפן. אויב וועל איך האבן אינדערהיים די אלע געשמאקע עסן אויפ'ן טיש, וועל איך מיך נישט קענען איינהאלטן. דו האסט נישט קיין ברירה. דו האסט חתונה געהאט צו מיר! און מיר דארפן עס טון אינאיינעם.

אבער לאמיר זאגן אז ער טענה'ט, "איך דארף גיין ארבעטן. דו זיצט אינדערהיים אגאנצן טאג און דו קענסט אנגיין פון א מאגערע דיעטע, אבער איך דארף ארבעטן! איך דארף עסן געזונטע פרישטאגס צו קענען האבן כח פאר'ן גאנצן טאג." און ער עסט דארט א גרויסע, ברייטהארציגע פרישטאג, און זי זיצט דארט ווען איר שפייעכטס רינט, און זי שלאגט זיך צוריק קעגן אירע תאוות.

דער מאן דארף יעצט ברענגען א קרבן, ער דארף האבן א כפרה. ער דארף האבן א כפרה פאר דעם. ער קען זיך טאקע נישט העלפן, זאגט ער, אבער ער דארף נאך אלץ א כפרה פאר די צער וואס ער איז גורם פאר זיין ווייב.

וויאזוי קען ער האבן א כפרה?

א קלוגער מאן וואלט געטון אזוי. פון יעצט און ווייטער ווען ער זעצט זיך אראפ עסן פרישטאג, וועט ער נעמען די איין קרעקער וואס זי גיבט אים, און איין גלאז מילך. ער זאגט א נאך-ברכה און ער גייט ארויס ארבעטן. אויפ'ן וועג צו דער ארבעט שטעלט ער זיך אפ ביי א כשר'ע רעסטוראנט און ער פילט זיך גוט אן...

עס קאסט געלט, אודאי; ס'איז אומבאקוועם, אבער וואס טוט ער דען נישט צו העלפן זיין ווייב? ער דארף נתכפר ווערן.

די זעלבע זאך איז מיט'ן קערפער. דיין קערפער איז חתונה-געהאט צו דיין נשמה. די קערפער זאגט "איך וויל לעבן א נארמאלע לעבן. איך וויל אלעס."

די נשמה זאגט, "אויב איך וועל דיר אלעס געבן, וואס גייט געשען צו מיר? איך וועל חרוב ווערן אויב געב איך זיך נאך אלע תאוות; איך וויל זיין א נזיר. איך וויל מיך פורש זיין פון די וועלט אין א געוויסע מאס כדי צו קענען דינען דעם איבערשטן. איך וויל מאכן פארשריט אין מיין לעבן. איך לעב נאר א קורצע צייט אויף דער וועלט, און איך וויל אויפטון!" די נשמה וויל שטייגן.

אבער די קערפער טענה'ט, "ווייל דו ווילסט שטייגן, דארף איך ליידן?"

זאגט די נשמה "איך קען דיך נישט העלפן. איך דארף עס טון. איך גיי ווערן א נזיר. אבער איך וועל ברענגען א קרבן. איך דארף תשובה טון פאר דעם וואס איך האב געזינדיגט קעגן מיין קערפער."

דאס איז דער יסוד וואס מיר לערנען דא.

מען דארף פארשטיין, אז אפילו מיר פייניגן דעם נעבעכדיגן קערפער פאר'ן צוועק אז די נשמה זאל מאכן פארשריט, אבער נאך אלץ ליידט די קערפער. די קערפער איז נישט דיינס אז דו זאלסט איר קענען שלעכטס טון. די קערפער איז ווי א קינד אדער ווי א יתום וואס איז געגעבן געווארן צו דיר און דו דארפסט דיך אפגעבן מיט אים. דו דארפסט פרייליך מאכן די קערפער! אבער אין פאל עס פעלט זיך אויס צוריקצואווייזן פונעם קערפער פארשידענע תענוגים פאר דיין רוחניות'דיגע בענעפיטן, דארפסטו אבער ברענגען א קרבן צו פארציילן פאר די קערפער. ווייל מען דארף פארשטיין אז מען האט געשעדיגט דעם קערפער.

אבער די תורה זאגט, "דו גיי ווייטער און דו עס סיי-ווי, ווייל דו דארפסט עס האבן. עס פעלט אויס פאר די נשמה." (495)

**פראגע**

## פארוואס האט א קינד א יצר הרע אויב ער איז נאך סיי-ווי נישט קיין בר עונשין, און באקומט נאכנישט קיין שכר אדער עונש פאר זיינע מעשים?

**ענטפער:**

**דער** ענטפער איז אז א קינד האט א געוואלדיגע תועלת פון די מלחמה קעגן דעם יצר הרע. בלויז דורכ'ן פרובירן און דורכפאלן, דאס מאכט אים גרייט אז ווען ער ווערט בר מצוה זאל ער תיכף קענען אריינטרעטן אין ערוואקסענע שיך, און מצליח זיין אויף דער וועלט.

ווען א קינד דארף זיך צוריקשלאגן קעגן קנאה - למשל, ווען ער זעט זיין מאמע גיבט זיך אפ מיט א נייע בעבי, און דער קליינער אינגל איז דא געווען ערשט. ער איז געווען דער איינציגסטער מחותן, ער איז געווען דער ליבלינג אין די הויז, און יעצט שפירט ער זיך ארויסגעלאזט און ער איז מקנא. יעצט ווייסט ער אז ער דארף זיך מתגבר זיין דערויף. אפילו אן קיין שכל, סתם ווייל דאס איז דער מצב און ער דארף לעבן אין דעם הויז, ער ווייסט אז ער קען נישט אוועקלויפן. און במילא אין א געוויסן זין שלאגט ער זיך שוין קעגן זיין יצר הרע און ער שטעלט זיך צו צום מצב. ער האט אן אינערליכע שכל זיך צוריקצושלאגן קעגן שלעכטע געפילן. און דורכדעם מאכט ער בייגעדיג זיינע מוסקלען.

דאס איז, אגב, די סיבה פארוואס קליינע קינדער שפרינגען אזויפיל ארום; און די זעלבע איז מיט קליינע קעצלעך און קליינע הינטלעך. זיי טאנצן ארום, אפילו קליינע קאטשקעס; ווייל ווען זיי טוען עס בייגן זיי זייערע מוסקלען און זיי אנטוויקלען זייערע קערפערס, און אזוי ווערן זיי צוגעגרייט צו זייער קאריערע פון אן ערוואקסענעם לעבן.

די זעלבע זאך איז מיט רוחניות. א קינד ווערט אויספראבירט דורך די יצר הרע; ער שלאגט זיך דערקעגן. קליינע קינדער האבן אויך א געוויסן; זיי האבן חכמה אין זיך און זיי שלאגן זיך מיט'ן יצר הרע. ביז ענדגילטיג ביי די בר מצוה זענען זיי שוין אביסל צוגעגרייט צום לעבן. זיי מאכן נישט פלוצלונג א ריזיגע טויש; ווייל זיי זענען שוין געווארן צוגעגרייט צו דעם נסיון פון פריער, ווען זיי האבן שוין געהאט א מלחמה היצר. (440)

**פראגע**

## איז פארהאן היינטיגע צייטן א חילוק צווישן די חסידים און די ליטווישע, און וואס זענען די חילוקים?

**ענטפער:**

**איך** וועל דיר פארציילן א קליינע געשיכטע. אמאל איז געווען א פארמעגליכער מענטש וואס האט פארמאגט צוויי קיכן, א פליישיגע קאך מיט א קעכער, און נאך א קאך פאר געשמאקע מילכיגע מאלצייטן. זיין מזל האט זיך איבערגעדרייט, די פארמעגן האט אנגעהויבן צו ווערן וויניגער, דעריבער האט ער געהאט וויניגער און וויניגער פלייש און מער און מער קארטאפל. נאך א תקופה האט ער שוין געהאט בלויז קארטאפל, האט ער געזאגט "פארוואס זאל מען קאכן 'מילכיגע' קארטאפל און 'פליישיגע' קארטאפל, ס'איז דאך אלעס קארטאפל!"

אמאליגע צייטן זענען געווען 'חסידים', מיט עבודת השם, פייערדיגע חסידים! – די פריערדיגע חסידים זענען געווען פייער. 'מתנגדים' – תורה, געלערנט תורה א גאנצע צייט. צעביסלעך זענען זיי נענטער געקומען - היינט איז נישטא קיין גרויסע חילוק.

אגב, ס'איז דא א חילוק, און איך זאג, יעדע גרופע זאל אנהאלטן אירע חילוקים, מיר זאל נישט ווערן איינס. הקב"ה האט געוואלט אז אלע שבטים זאלן זיין באזונדערע שבטים, ראובן באזונדער, שמעון באזונדער, יעדע שבט האט געהאט זיינע אייגענע כאראקטורן, יעדע שבט האט געהאט זיינע אייגענע מעלות. די וועלכע זענען חסידים זאלן בלייבן חסידים, מיר דארפן זיי. מתנגדים, וועלן אלע זיין פאר לערנען תורה און יראת שמים, יעדער זאל זיך פארבעסערן. עס קען עווענטועל זיין אז זיי וועלן אלע ווערן די זעלבע, אלע וועלן ווערן צדיקים גמורים! זייער גוט, אבער אינצווישן געב נישט אויף דיינע אייגנשאפטן. הקב"ה האט ליב ראובן, ער האט ליב שמעון, ער האט ליב חסידים, ער האט ליב מתנגדים, ער האט זיי אלע ליב... כן ירבו וכן יגדלו!

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס**

אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב